# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | גליון קע"ט – נשא תשע"א לפ"ק | כיתה ח' ט'

### תתתתקט) עס דערציילט מיין עלטער זיידע
## הרה"ח ר' מרדכי חנא בערגער ע"ה לאנדאן

מיין טאטע ע"ה איז געווען א תלמיד פונעם עצי חיים זי"ע, פלעגט ער דערציילן אז אין די צייטן פונעם ייטב לב איז געווען אין סיגעט א מלמד, וואס איז געווען א חסיד פון הרה"ק **רבי אייזיקל מזידיטשוב זי"ע**, און ער פלעגט פארן צו זיין רבי'ן אויף יו"ט.

איינמאל נאך שבועות האט דער ייטב לב געשיקט א שליח צו דעם מלמד זעהן צי ער איז שוין אהיים געקומען פון זידיטשוב, אבער דער מלמד איז נאכנישט געווען אינדערהיים, האט ער שפעטער געשיקט נאכאמאל, אזוי איז געווען עטליכע מאל. ביז זיין ווייב האט געזאגט פאר דעם שליח אז ער דארף מער נישט קומען, ווי נאר איר מאן וועט אהיים קומען וועט זי אים זאגן אז ער זאל גיין צום רב אין שטוב.

וכך הוה, דער מלמד איז אנגעקומען אהיים, און זיין ווייב זאגט אים "גיי שנעל צום רב, ווייל ער האט דיך שוין עטליכע מאל געשיקט רופן".

דער מלמד איז באלד אריבערגעגאנגען און דער ייטב לב זאגט אים "זאג מיר ווי אזוי איז אריבער דער יו"ט אין זידיטשוב?".

האט דער מלמד אנגעהויבן צו דערציילן אז ווען דער רבי ר' אייזיקל האט געליינט די פרשה פון עשרת הדברות איז דאס געווען מיט א מורא'דיגע התלהבות, און ווען ער איז אנגעקומען צום פסוק "וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר" האט מען געזעהן ווי זיינע האר האבן זיך אויפגעשטעלט פאר פחד, און דאס ליינען איז געווען מיט א מורא'דיגן פחד, אזוי ווייט אז ער האט דאס נישט געקענט אויסהאלטן און ער איז אונטער געקראכן אונטערן באנק און זיך אויסבאהאלטן פאר פחד.

ווען דער ייטב לב האט דאס געהערט האט ער געזאגט "גענוג, גייט אהיים, רוהט אייך אויס פונעם טורח הדרך, איר זאלט קענען לערנען מיט די קינדער אין חדר".

מיין טאטע פלעגט זאגן אז עס זעהט אויס ווי דער ייטב לב האט מרגיש געווען אז אין זידיטשוב איז געווען א געהויבענע בחינה אום שבועות, האט ער דאס געוואלט הערן פון איינעם וואס איז דארט געווען. (אהרן בערגער)

### תתתתקי) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' אלימלך שלמה שווארץ הי"ו שו"ב

עס איז געווען אין די ערשטע יארן דאהי אין אמעריקע, דער רבי מרן **בעל דברי יואל** זי"ע האט יענעם שבועות געזאגט דאס קרעפל פשט'ל אינעם קליינעם ביהמ"ד אונטער זיין הויז אויף 500 בעדפארד עוו.

דער רבי האט דעמאלטס געלערנט די סוגיא פון "חופה קונה", און ער האט געפרעגט א קשיא פון 'המקנה', און לויט דעם געבויעט א גאנצן בנין. מיין טאטע הגה"ח ר' מרדכי ז"ל האט אריינגעפרעגט א קשיא פון א גמרא. עס איז געווארן זייער הייס מתוך ריתחא דאורייתא, דער רבי האט צוריק געענטפערט ווי א לייב במלחמתה של תורה, אזוי האט דאס גענומען א לענגערע צייט.

נאכן פשט'ל איז צוגעקומען צו מיין טאטן הרה"ח ר' דוד קאהן ע"ה מזקני חסידי פלאנטש - וועלכער פלעגט קומען צום רבי'ן אויף שבועות, און עולה זיין כהן, - און ער האט אים פארגעהאלטן אז 'עס איז א חוצפה פון א אינגערמאן אריינצופרעגן ברבים, און זיך אזוי מתווכח זיין מיטן רבי'ן'. מיין טאטע האט נישט פארשטאנען זיינע ווערטער, און ער האט געזאגט אז ער זעהט נישט קיין פראבלעם אין דעם וואס מ'איז זיך מפלפל אין לערנען מיטן רבי'ן.

אינצווישן איז דער רבי ארויפגעגאנגען לביתו נאוה קודש, און מיין טאטע איז געבליבן שמועסן אין ביהמ"ד. פלוצלונג הערט ער ווי דער רבי קומט אראפ די טרעפ צוריק צום ביהמ"ד און ווי נאר ער זעהט מיין טאטן רופט ער זיך אן "איך האב נאכגעקוקט, איר זענט גערעכט! איך וויל אייך זאגן עפעס אנדערש".

דער רבי האט אנגעהויבן אויפן פלאץ צו זאגן א נייעם שמועס אין די סוגיא, א פלפול עצום אין די סוגיא, וואס ער האט מחדש געווען אויפן ארט, דער רבי איז נאך געשטאנען אויף די טרעפ, און עטליכע אינגעלייט זענען געשטאנען ארום, און אזוי האט דער רבי געזאגט זיין פרישן חידוש.

אינמיטן ווי דער רבי זאגט דאס פשט'ל קומט אריין הגה"צ רבי נתן יוסף מייזעלס זצ"ל, ער איז געווען א אינגערמאן, ממש אין יענע טעג איז ער אנגעקומען קיין אמעריקע און ער האט געוואוינט וויט. דער רבי האט אים געגעבן שלום און זיך צושמועסט מיט אים. היות עס איז געווען שפעט האט מיין טאטע אויסגענוצט די געלעגנהייט און געלאפן אהיים מאכן די סעודה.

שפעטער האט ר' ישי בוכינגער ע"ה דערציילט פאר מיין טאטן אז ווען דער רבי האט געענדיגט שמועסן מיט רבי נתן יוסף, האט ער געזאגט "וואו איז דער אינגערמאן? איך האב נאכנישט געענדיגט מיט אים".

מיט א צייט שפעטער ווען מיין ברודער ר' נחום הי"ו איז געבוירן געווארן האט מיין טאטע מכבד געווען דעם רבי'ן מיט סנדקאות, ווען דער רבי איז אנגעקומען צום ברית, פרעגט אים דער רבי "דו ביסט דער אינגערמאן מיט וועמען איך האב גערעדט שבועות?", און דער רבי האט באלד ממשיך געווען מיטן פלפול, ביז ווען דער מוהל דער צעהלים'ער רב ז"ל איז אנגעקומען, און מען איז געגאנגען צום ברית.

נאכן ברית האט זיך דער רבי געיאגט צום דאווענען, און ער האט נישט געוואלט ווייטער ממשיך זיין מיטן פלפול, נאר ער האט געזאגט "נאכן חדר קום ארויף צו מיר" (מיין טאטע איז אין יענע יארן געווען א מלמד).

שפעטער נאכמיטאג איז ער אריבער צום רבי'ן אין שטוב, און דער רבי האט אים אויפגענומען במאור פניו, "איך ווארט שוין אויף דיר, איך פריי זיך אז דו ביסט שוין דא". מיין איז געווען זיכער אז דער רבי וויל ווייטער ממשיך זיין מיטן פלפול, דערווייל נעמט דער רבי ארויס פופציג דאללער און גיט אים איבער. מיין טאטע האט עס נישט געוואלט נעמען, זאגט דער רבי עס שטייט דאך (זוכר הברית סי' כ"ה אות י"ח) אז "דער סנדק באצאלט די הוצאות פון די סעודה, איך האב דיר שוין געוואלט געבן אין ביהמ"ד נאר איך האב געהאט א צווייטע בעקיטשע, ממילא גיב איך דיר דאס יעצט".

מיין טאטע האט פון דעם פופציגער געהאט איינצורישן די הוצאות אויף פסח זייענדיג יענעם פסח דאס ערשטע מאל אין אמעריקע. (אברהם יוסף חיים שווארטץ, חיים מנחם שווארטץ, מרדכי הכהן בארזעסקי, מרדכי ברמ"י שווארטץ, מרדכי ברח"י שווארטץ, מרדכי ברי"צ שווארטץ, אברהם עביר ברנ"ש שווארטץ, אברהם עביר בר"י שווארטץ)

### תתתתקיא) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע
## הרה"ח ר' שלמה כ"ץ הי"ו

איך האב זוכה געווען מיטצופארן מיט רביה"ק **בעל דברי יואל** זי"ע אויפן וועג קיין ארץ ישראל בשנת תשכ"ה לפ"ק.

אויפן וועג האבן מיר זיך אפגעשטעלט אין פאריז, און דער רבי האט געוואלט גיין אין מקוה, עס האט לאנג גענומען ביז מ'האט געטראפן א מקוה, אבער עס איז געווען פארשפארט. האט דער רבי געבעטן אז מ'זאל גיין אויפזוכן דעם שמש פון די מקוה, ביז יענער איז ענדליך געקומען און געעפענט די טיר פארן רבי'ן.

נאך די מקוה האט דער רבי געזוכט דעם שמש, און ער האט נישט געוואלט אוועק גיין פון דארט ביז ווען ער האט אים געטראפן און באצאלט פאר די מקוה. דערויף האט דער רבי געזאגט "א מקוה אומבאצאלט איז נישט קיין מקוה". (ישראל ברוך הכהן כ"ץ, יואל גאטליעב, אהרן יעקב גאלד)

### תתתתקיב) עס דערציילט מיין טאטע
## הגה"צ רבי חנוך העניך אשכנזי שליט"א רב ביהמ"ד אבני צדק

עס האט מיר דערציילט הרה"ח ר' יוסף אייזיק לעוו הי"ו פון לאנדאן אז ווען רביה"ק **בעל דברי יואל** זי"ע איז געווען אין לאנדאן, האט דער רבי געוואלט אויפשטעלן א אייגענע בית חינוך לבנות.

אין יענע צייט האבן אלע היימישע מיידלעך געלערנט אין "יסודי התורה" וואס איז נתייסד געווארן דורך הגה"צ רבי שמעלקא פינטער זצ"ל אב"ד ביקאווסק, און ער איז געווען

באזארגט אז אויב דער רבי וועט עפענען אן אייגענעם בית חינוך וועלן די מיידלעך ארויסגיין פון זיין שולע, און ער וועט בלייבן אויסגעשפילט.

האט אים דער רבי מחזק געווען און באַרוהיגט, זאגנדיג אז ער איז אים מבטיח אז ער וועט דערפון גארנישט שאדן האבן.

ווען רבי שמעלקא איז געווען אין וויליאמסבורג דעם קומענדיגן הושענא רבה האט אים דער רבי געפרעגט "צי ער האט שאדן געהאט פון דעם וואס די סאטמארע מיידלעך זענען ארויס פון זיין מוסד?".

האט ער דערציילט פארן רבי'ן אז ממש אין די זעלבע צייט וואס די סאטמארע מיידלעך זענען ארויסגעגאנגען פון "יסודי התורה" איז געווארן א טיילונג אין א צווייטע מוסד, און ער האט באקומען אכציג פרישע תלמידות אין זיין בית חינוך, אזוי אז ער האט גארנישט שאדן געהאט דערפון. (חנני' יו"ט ליפא אשכנזי)

## תתתתקיג) עס דערציילט אונזער פעטער
## הרה"ח ר' שלמה ברוך טייטלבוים הי"ו

אונזער זיידע הגה"צ רבי שלמה ברוך פראגער זצ"ל אב"ד פעטראוואסעלא, איז געווען א איידעם ביי הגה"ק רבי יודא ליכטנשטיין זצ"ל אב"ד בעטלאן, א איידעם ביי הגה"ק רבי אברהם ישכר לייכטאג זצ"ל אב"ד רעדים.

דער רעדימ'ער רב האט לאנגע יארן נישט געהאט קיין קינדער ל"ע, און ער פלעגט זיך כסדר מזכיר זיין ביים הייליגן דברי חיים זי"ע. ביז ווען ער האט מחליט געווען מיט זיין רבי'צין אז זיי וועלן מפציר זיין פאר א ישועה ביים הייליגן דברי חיים, און ביז זיי ווערן נישט געהאלפן וועלן זיי נישט אוועק גיין פון דארט.

וכך הוה, זיי זענען אריבערגעפארן קיין צאנז, ער האט זיך געזעצט לערנען ביים צאנזער רב אין ביהמ"ד, און זי האט ארויסגעהאלפן אין קאך, און זיי האבן דארט געוויילט ארום א יאר צייט, זאגנדיג אז זיי וועלן נישט אוועק גיין נאר מיט א ישועה אין די האנט.

איינמאל פרייטאג נאכמיטאג בשעת דער הייליגער דברי חיים איז געזעסן ביים טיש, און עוסק געווען אין זיין הייליגע עבודה האט די באבע ע"ה אריינגעברענגט די הייסע חלות, און זי האט דאס אראפגעלייגט אויפן טיש, ווען בשעת מעשה האט זיך פון איר ארויסגעריסן א קרעכץ "ווי לאנג נאך?!"...

דער הייליגער דברי חיים איז געווארן שטארק אויפגעטרייסלט פון איר צובראכנהייט, האט ער ארויסגענומען א גאלדענער דוקאט, און צוגעזאגט "צוויי לעכט".

זי האט פארשטאנען אז זי איז א געהאלפענע, זי איז אהיימגעפארן און זי איז געהאלפן געווארן מיט צוויי טעכטער, די באבע הצדיקת זיסל ע"ה די בעטלאנער רביצין, און די רביצין פון הגה"צ רבי זאב וואלף גאלדבערגער זצ"ל (שווער פון הגה"ק רבי ישראל פריינד זצ"ל מהוניאד, אבי הגה"ק רמ"א פריינד זצוק"ל גאב"ד ירושלים עיה"ק).

די מטבע איז געבליבן ביי די משפחה, און ביז די מלחמה איז דאס געלעגן ביי די באבע אין פעטראוואסעלא, מ'האט דערפון געמאכט א קייטל, און דאס איז געווען א סגולה פאר יעדן וואס האט זיך נישט גוט געשפירט. במשך די שווערע מלחמה יארן האט דאס די באבע ע"ה אלעמאל געטראגן מיט זיך, אפילו ווען עס איז נישט מעגליך געווען האט זי דאס אריינגענומען אין מויל, און זי האט איר נס הצלה מיט אלע ניסים תולה געווען אין די מטבע.

(נאך די מלחמה האט זי מיטגענומען די מטבע קיין אמעריקע, ביז ווען איינמאל האט איינער פון די משפחה אין אייראפע זיך נישט גוט געשפירט און ער האט געדארפט האבן די מטבע, האט מען אים דאס געשיקט, און דער שליח האט געזאגט אז ער האט דאס פארלוירן אונטערוועגנס) (משה ארי' פריעדמאן, יעקב מרדכי פריעדמאן, יודא לאנדא, יואל יעקב יאקאבאוויטש, יוסף יודא יאקאבאוויטש, שמואל אהרן פריעדמאן, שמואל צבי מויזקאפף)

## תתתתקיד) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' משה פאגעל הי"ו

דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט געוואלט נעמען אלס איידעם פאר זיין עלטסטע טאכטער הגה"ק בעל אבני נזר זי"ע, אבער זיינע קינדער האבן נישט מסכים געווען דערצו. אזוי אויך די בעלי בתים אין צאנז האבן אים אפגערעדט דערפון זאגנדיג אז ער איז א קאצקער חסיד, און דער קאצקער רבי איז געווען א תלמיד פון פאשיסחא'ער חדר, וואס דער ראפשיצער רב זי"ע - דער רבי פונעם הייליגן דברי חיים זי"ע - איז געווען שטארק קעגן דעם דרך, ממילא האבן זיי געהאלטן אז עס פאסט נישט אז דער דברי חיים זאל נעמען פאר אן איידעם א קאצקער חסיד. אזוי איז דער שידוך נישט געווארן.

דער דברי חיים האט זיך דערויף אפגערעדט אז זיי האבן מונע געווען אז עס זאל נישט אריינקומען תורה לשמה אין זיין שטוב.

דער אבני נזר איז טאקע געווארן א איידעם ביים קאצקער רבי'ן זצ"ל, און דער דברי חיים זי"ע האט גענומען פאר א איידעם הגה"ק רבי מרדכי דוב מהארנאסטייפלא זצ"ל בעמח"ס שו"ת עמק שאלה. שפעטער האט דער דברי חיים געזאגט פאר די בעלי בתים פון צאנז א יישר כח, ווייל דורכדעם האט ער געקענט נעמען דעם עמק השאלה זצ"ל.

(עס זענען דא וואס דערציילן אז דער דברי חיים האט אים נישט גענומען פאר אן איידעם, ווייל נאכדעם וואס ער האט אים פארהערט האט דער אבני נזר געזאגט אז ער וויל אויך פארהערן דעם דברי חיים, ווייל דער גאנצער טעם פארוואס מ'פארהערט א חתן איז כדי מ'זאל נישט זיין קיין 'נותן בתו לעם הארץ', אבער פונקט אזוי טאר מען דאך נישט נעמען קיין בת עם הארץ... רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע איז געווען ברוגז ווען ער האט געהערט די מעשה, און ער האט געזאגט אז עס איז שקר, און ח"ו אז דער אב"נ האט גערעדט צום דברי חיים מיט חוצפה). (שמעי' ברוך גאלד, יעקב זילבערשטיין)

## תתתתקטו) עס האט דערציילט אונזער באבע תחי' אשת
## הרה"ג ר' אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט"א

עס האט מיר דערציילט הרה"ח ר' שלמה מנשה פאלקאוויטש ע"ה אז עס איז געווען אמאל איידער ער האט חתונה געמאכט א קינד האט ער נישט געהאט אויף די הוצאות החתונה, און ער האט געטראכט מאין יבא עזרי.

למעשה האט דער אייבערשטער געהאלפן, און אויף א אומגעראכטענעם אופן האט ער באקומען א גרעסערע סומע געלט וואס האט אים ערמעגליכט צו קענען חתונה מאכן בכבוד.

זייענדיג זייער נתרגש פון די ישועה מן השמים, איז ער אריינגעגאנגען צו רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע - וועלכער האט געוואוסט אז ער מוטשעט זיך זייער מיט די הוצאות החתונה - און ער האט אויסגערופן "רבי', דער אייבערשטער האט מיך געהאלפן שלא כדרך הטבע".

האט אים דער רבי געזאגט "זאג נישט שלא כדרך הטבע, דאס איז די טבע פונעם אייבערשטען, ער העלפט מיר ער העלפט דיר ער העלפט יעדן"... (יעקב קרויס)

## תתתתקטז) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע
## הרה"ח ר' דוד מרדכי מייזעלס ע"ה

דער רבי בעל דברי יואל זי"ע האט אסאך עוסק געווען אין פדיון שבוים אין די שווערע צייטן פון די צווייטע וועלט מלחמה.

אין יענע צייט איז דער רבי געווען אין פעסט צו שאפן גרויסע סכומים געלט לטובת הענין. און דער נייפעסטער רב ז"ל האט אים צוגעהאלפן.

דער רבי האט געזאגט יענעם שבת א לענגערע דרשה וואס האט גענומען עטליכע שעה, און זונטאג האט דער רבי אויפגענומען די נגידים און ער האט געבעטן פון יעדן איינעם גרויסע סכומים אויף פדיון שבוים. עס זענען געווען מענטשן וואס האבן געגעבען דעם גאנצן סכום, אנדערע האבן געגעבן נאר א חלק פונעם סכום, און ס'זענען געווען אזעלכע וואס האבן גארנישט געגעבן.

דער נייפעסטער רב האט שפעטער דערציילט אז ער האט אויפגעפאסט א דבר נורא, אז די וואס האבן געגעבן דעם גאנצן סכום פאר פדיון שבוים איז די גאנצע משפחה ניצול געווארן פונעם חורבן און זענען אהיים געקומען, און די וואס האבן געגעבן א חלק פונעם סכום איז נאר א חלק משפחה אהיימגעקומען, און די וואס האבן גארנישט געגעבן זענען ל"ע אומגעקומען על קידוש ה'. וצדקה תציל ממות. (דעם זיידנס יארצייט געפאלט אויס היינטיגן שב"ק ב' סיון)

(שמעון ארי' מייזעלס, משה ארי' מייזעלס, יצחק מייזעלס, שמואל יצחק מייזעלס)

## תתתתקיז) עס דערציילט אונזער עלטער באבע תחי' בת
## הרה"צ ר' שלום יוסף קליין ע"ה

איר טאטע הרה"צ ר' שלום יוסף קליין זצ"ל בעמח"ס דרך הטובה והישרה וקול סופרים (היארצייט שב"ק ב' סיון הבעל"ט), איז געווען א אדם גדול ומפורסם, א בארימטער צדיק וחסיד. ווי עס איז צו זעהן פון די מכתבי קודש וואס די צדיקי הדור האבן געגעבן אויף זיינע ספרים.

נאך די ערשטע וועלט מלחמה איז דער זיידע אנגעקומען קיין זענטא, ער האט מחליט געווען צו לעבן פאר זיך בהצנע לכת, האט ער נישט ארויסגעגעבן ווער ער איז, נאר ער האט זיך פארדינגען אלס שמש און מקוה איד אין ביהמ"ד. ער פלעגט אויסקערן דאס ביהמ"ד און ווארעמען די מקוה, אין די זייט האט ער געהאט א קליינע דירה'לע פון אנדערטהאלבן צימערל וואו ער האט עוסק געווען על התורה ועל העבודה.

אינמיטן די נאכט פלעגט ער אויפשטיין און אריבערגיין לערנען מיטן רב הגה"צ רבי משה יודא לעבאוויטש זצ"ל, וואס ער איז געווען דער איינציגסטער וואס ער האט געוואוסט ווער ער איז, און ער איז געווען א מבין אויף זיין גרויסקייט.

איינמאל איז אנגעקומען קיין זענטא דער בארימטער וויזניצער חסיד רבי מרדכי חנא פוקס ז"ל, און ער האט דערקענט דעם זיידן פון גרויסווארדיין, האט ער געזאגט אז ער 'וויל איינשטיין ביים בעדער'... כאטש עס זענען געווען מערערע בעל הבית'ישע אידן אין די שטאט וואס האבן אים געבעטן אז ער זאל איינשטיין ביי זיי. וכך הוה, ער איז איינגעשטאנען ביים זיידן אין די קליינע דירה'לע.

שבת פארטאגס, פיר אזייגער, ווען אידן אין זענטא זענען אויפגעשטאנען און געגאנגען אין מקוה, האבן זיי ארויסגעהערט א קול תורה פונעם 'בעדערס' הויז, ווען מ'האט אריינגעקוקט האט מען געזעהן ווי דער זיידע זיצט מיט רבי מרדכי חנא און זיי לערנען בעומק ובעיון. דעמאלטס זענען זיי געוואויר געווארן אז ער איז א תלמיד חכם עצום, מ'האט אים באלד אויפגעזאגט פון זיין פאסטן, און אנגעטראגן די דיינות אין שטאט.

דער זיידע האט דאס נישט געוואלט אננעמען, מורא האבנדיג אז 'מ'וועט געוואויר ווערן אז ער איז א עם הארץ... ווייל נאר אלס שמש איז ער נאך געגוג א תלמיד חכם'. (ליפא גאטליעב, יואל גאטליעב).